## פֿון וואַנען נעמען זיך די מעשׂיות

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ניט מיט פֿורן צו דערפֿאָרן,
שטייט אַ הײַזעלע אַ קליינס,
שוין פֿון פֿילע לאַנגע יאָרן.

מיר און לאָדן אויפֿן ריגל —
שטיל דאָס הײַזל און פֿאַרלאָזן,
דורך די טעג און דורך די יאָרן —
נאָר אין קוימען ווינטן בלאָזן.

ווייסן אַלע שוין פֿון יאָרן,
אַז דאָס הײַזל איז פֿאַרלאָזן,
און אַז ווינטן, וווינט דאָרט קיינער,
נאָר אין קוימען ווינטן בלאָזן.

טרעפֿט אַ נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן,
און די ווינטן שלאָפֿן אויכעט,
הערט אין יענעם הײַזל ליכטיק,
און פֿון קוימען דאָרטן רויכערט.

מיר און לאָדן אויפֿגעריגלט —
אין אַ ווינקל בײַ אַ שײַן,
זיצט אַ זיידע לערנט תּורה,
זיצט אַ קינד און הערט זיך אײַן
צו דעם זיידנס וווּנדער־מעשׂיות,
און חלומט זיי אײַן זיך אַרײַן.

בײַ אַ קוימען, בײַ אַ שפּין־ראָד,
פֿון זייד די פֿעדים, דין און ווייך,
שפּינט אַ באָבע שיינע מעשׂיות,
און צעשיקט זיי מיטן רויך.

נעמט דער רויך דער באָבעס מעשׂיות
ניט זיי איבער צו דעם ווינט —
צעשפּרייט דער ווינט זיי אויף זײַנע פֿליגלען
און טיילט זיי אויס צו יעדן קינד.

## כ׳וואָלט וועלן זײַן

כ׳וואָלט וועלן זײַן, כ׳וואָלט וועלן זײַן,
כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ האָז;
און נאָכלויפֿן נאָר נאָך העזעלעך —
וואָס שפּרינגען אום אין גראָז.

כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ יעגער,
מיט הינט און ביקסן פֿיר,
און מאַכן אַלע חיות
זאָלן ציטערן פֿאַר מיר.

כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ זיידע,
מיט אַ לאַנגער, ווײַסער באָרד,
און אומגיין מיט אַ שטעקעלע —
קוים רירן זיך פֿון אָרט.

כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ שרײַבער,
מיט ברילן אויפֿן נאָז,
כ׳וואָלט וועלן זײַן,
כ׳וואָלט וועלן זײַן,
אַ — כ׳ווייס אַלײן ניט וואָס.

כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ פֿליִער,
און פֿליִען מיטן ווינט:
און מאַמע זאָגט זי וויל נאָר —
איך זאָל זײַן אַ גוטער קינד . . .

## אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע

איך פֿאָר פֿון שטאָט אין דאָרף אַרויס,
פֿעלד אַרײַן און פֿעלד אַרויס,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

פֿאַלט אין דאָרף אַ שניי אַרויס,
אַ ווײַסער, ווײַסער שניי אַרויס,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

פֿון הימל קומט די זון אַרויס,
אַ גרויסע, גרויסע זון אַרויס,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

וואַרפֿט די זון איר גאָלד אויף שניי,
פֿולע הויפֿנס גאָלד אויף שניי,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

פֿירער גייט אין שטאַל אַרײַן,
שפּאַנט ער פֿערד אין שליטן אײַן,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

— — — — — — —

רויטער שליטן, רויטער פֿערד,
גאָלד און זילבער אויף דער ערד,
גלין גלאָן, גלין גלאָן, ווײַסע וועלט,
אַלץ צוליב מײַן ייִנגעלע.

## דער ווינט

דער ווינט איז אַ גענייטער שנײַדער,
מיט שער און נאָדל אין דער האַנט:
און די ערד די אויסגעשפּרייטע,
איז זײַן אײַדעלער געוואַנט.

זײַן גלאַנציקע נאָדל איז דער רעגן,
שטעפּט די ערד מיט שטעכלעך דין:
שטעפּט אויס טײַכן, שטעפּט אויס וועגן,
שטעפּט אויס פֿעלדער ליכטיק גרין.

שטעפּט און העפֿט, מיט שטעכלעך קליינע,
אַט אַזוי, און אַט אַזוי,
נייט דעם פֿרילינג קליידער שיינע,
פֿון קאָלירן אַלערליי.

אָפּגעמאָסטן, צוגעשניטן,
צוגעקניפּט און אָפּגעשאָרן,
מיט רעדל־נאָדל אויסגעצאַקט,
אַלץ פּאַסיקע אַנטאָרן.

## ווי אַ קינד

כ'בין אַ מאַמע פֿון קינדער שוין גרויסע,
און בין נאָר אַליין ווי אַ קינד:
כסדר איך בוי זיך נאָר טורעמס,
כסדר צעבלאָזט זיי דער ווינט.

כ'דערפֿריי זיך מיט יעדן פֿרימאָרגן,
ווער אומעטיק יעדן פֿאַרנאַכט:
און שפּיל זיך אַרום מיט מײַן מזל,
ווי אַ קינד מיט די אויגן פֿאַרמאַכט.

כ'האָב מורא בײַנאַכט אין דער פֿינצטער,
און בענק נאָר נאָך אַלץ וואָס איז גרויס:
כ'האָב אויך מורא פֿאַר אומגליק,
און כסדר נאָר זוכט עס מיך אויס.

כ'בין אַ מאַמע פֿון קינדער שוין גרויסע
און בין נאָר אַליין ווי אַ קינד:
כסדר איך בוי זיך נאָר טורעמס,
כסדר צעבלאָזט זיי דער ווינט.

## דאַנק גאָט

דאַנק גאָט פֿאַרן אמת אויף קינדערישע ליפּן,
פֿאַרן שמייכל אויף פּנים דורך גנאָד פֿון די יאָרן:
דאָס ליכט אין דער פֿינצטער, ווי זון־שפּריי דורך זיפּן.
איז אין ריינקייט פֿון טרערן געלײַטערט געוואָרן.

דאַנק גאָט פֿאַר די הייער און נידער פֿון מזלן,
מיט גלויבן אין האַרצן דורך סכּנה און שטורעם;
זיי ווענדן זייער גורל ווי מתנות אויף שאַלן,
און בויען אין האָפֿענונג זייער ליכטיקן טורעם.

דאַנק גאָט פֿאַר דער האַנט וואָס זיינט מיט געוויזן,
וואָס די פֿאַרווייסט דאָס נאָלסטע שנײַדן;
די ערלעכע ערד צעלט ביסן פֿאַר ביסן,
דאָס גוטס ווי דאָס שלעכטס זאָל דיך ניט פֿאַרמײַדן.

# דער חלום פון דיין קומען

עס צייטיקט זיך אין מיר
דער חלום פון דיין קומען.
דיין אטעם שמעקט די לופט.
דיין ציטער ברענט די בלומען.

סערם אין דיינע הענט.
דאס גאלד פון פעלד פארנומען.
עס קלארט זיך אויס אין מיר,
דער חלום פון דיין קומען.

* *
*

טיף צוקארבט דער פנים
ווי פון מעסער שניט.
ניט קיין שפור פון פריידן,
ניט קיין טרער וואס גלייט.

שטומער צער פון אויגן
טיף אין הארצן טריט.
הענט, צוויי שטומע עדות
פון אפגעטאן, און מיד.